בס"ד

דער בלעטל
# טיב הקהילה
אויף אידיש

יו"ל ע"י קהילת שבתי בבית ד'
בנשיאות מורנו ורבנו הרה"צ
רבי גמליאל הכהן רבינוביץ שליט"א

פינחס
כ"א תמוז תשפ"ד

די צייטן לויט אופק ירושלים

זמני הדלקת הנרות ומוצ"ש

| | |
|---|---|
| הדה"נ | 7:04 |
| מוצש"ק | 8:20 |
| ר"ת | 8:57 |

סוף זמן קריאת שמע ותפילה

| | | | |
|---|---|---|---|
| סוזק"ש א' | 8:26 | סוז"ת א' | 9:52 |
| סוזק"ש ב' | 9:16 | סוז"ת ב' | 10:26 |

די צייטן לויט די זומער זייגער

גליון מס': צג
שנה ב'

## טיב המערכת

### וַתִּקְרַבְנָה בְּנוֹת צְלָפְחָד

עס ווערט דערציילט איבער א איד א ירא שמים וועלכער איז ארויפגעקומען פון פוילן קיין ארץ ישראל איידער די וועלט-מלחמה, אז מען האט אים פארגעשלאגן א דירה אין אלע סארט דערוווייטערטע יִשׁוּבִים וועלכע זענען דעמאלטס געווען ביים אנהייב פון זייער באוואוינונג. דער איד האט זיך אבער אפגעזאגט דערפון מיטן גאנצן כח, ערקלערנדיג אז ער איז נישט געקומען קיין ארץ ישראל כדי צו וואוינען אין אזעלכע ערטער. ער איז געווען אנטשלאסן און פאר'עקשנ'ט אז ער וועט וואוינען בלויז צווישן ערליכע אידן. עס האט נישט געהאלפן אלע ערקלערונגען פון די איינגעשטעלטע און אויך נישט די געבעטן פון זיין הויזגעזינד. ער האט זיך געהאלטן ביי זיינס, אז ער וועט נאר וואוינען צווישן ערליכע אידן, און אזוי איז ער געבליבן וואוינען אין ירושלים עיר הקודש, בְּעֵרוֹם וּבְחֹסֶר כֹּל, ווייבאלד די געפערליכע ארעמקייט און דחקות אין יענע צייטן איז דארט געווען זייער שרעקליך.

דער איד האט זיך אבער נישט גענומען צום הארצן דערפון, נאר ער איז אנגעגאנגען מיט זיין עבודת השם מיטן גאנצן כח. און ווירקליך האט ער זוכה געווען אז אלע זיינע קינדער און ווייטערדיגע דורות זענען ערליכע אידן, יראי השם, און פון די אנדערע זייט זענען געווען אסאך פון די אידן וועלכע האבן זיך געלאזט איינרעדן און האבן באקומען א וואוינונג אין אלע-ערליי ווייטע ערטער, זענען ליידיגער אראפגעגאנגען פונעם דֶּרֶךְ הַיָּשָׁר, און פון זייערע קינדער זענען כמעט נישט געבליבן קיין ערליכע אידן.

שטייט אין פסוק אין די וואכעדיגע פרשה, 'וַתִּקְרַבְנָה בְּנוֹת צְלָפְחָד בֶּן חֵפֶר בֶּן גִּלְעָד בֶּן מָכִיר בֶּן מְנַשֶּׁה לְמִשְׁפְּחֹת מְנַשֶּׁה בֶן יוֹסֵף'. דאס דערמאנען דעם גאנצן "שַׁלְשֶׁלֶת הַיִּחֲסִין" פון די טעכטער פון צלפחד, איז עפעס וואס רופט ארויס וואונדער. פארוואס דארף מען האבן אט דעם גאנצן אריכות, אינדערצייט וואס עס וואלט לכאורה געווען גענוג אז עס זאל שטיין אז די בְּנוֹת צְלָפְחָד זענען געווען פון שֵׁבֶט מְנַשֶּׁה, אויב אזוי, פארוואס האט מען געדארפט האבן דעם גאנצן אריכות וואו עס ווערט אויסגערעכנט די אלע דורות פון יוסף הצדיק ביז צלפחד און זיינע טעכטער? אויף אט דעם פראגע ענטפערט רש"י, און אויפן פסוק 'לְמִשְׁפְּחֹת מְנַשֶּׁה בֶן יוֹסֵף' ערקלערט רש"י 'לוֹמַר לְךָ, יוֹסֵף חִבֵּב אֶת הָאָרֶץ, שֶׁנֶּאֱמַר וְהַעֲלִתֶם אֶת עַצְמֹתַי, וּבְנוֹתָיו חִבְּבוּ אֶת הָאָרֶץ, שֶׁנֶּאֱמַר תְּנָה לָּנוּ אֲחֻזָּה', דאס הייסט אז רש"י זאגט אונז אז אין זכות פון די ליבשאפט וואס יוסף הצדיק האט ליב געהאט דעם היילגן לאנד, האט ער זוכה געווען אז אט די ליבשאפט האט משפיע געווען אויף זיינע אפשטאמיגע, זיבן דורות שפעטער, אז אויך זיי האבן ליב געהאט ארץ ישראל.

ווען א מענטש טוט עפעס אדער זאגט עפעס, דארף ער וויסן אז דאס גייט האבן א השפעה ביי זיינע קינדער און ביי זיינע אייניקלעך, אפילו אין זיבן דורות ארום! אזוי ווי מיר זעען ביי יוסף הצדיק, אז דעם איינציגן זאץ וואס ער האט געזאגט, 'וְהַעֲלִתֶם אֶת עַצְמֹתַי', האט געהאט א השפעה אויף זיינע אייניקלעך זיבן דורות שפעטער, וואס לויטן חשבון האבן זיי אפילו נישט געזען יוסף, אבער פונדעסטוועגן האט זיין ליבשאפט צו ארץ ישראל געהאט א השפעה אויך אויף זיי, און אט דאס איז אונז זייער שטארק מְחַיֵּב פאר יעדער זאך וואס מיר טוען, אז מיר זאלן גוט אריינטראכטן, 'סוֹף מַעֲשֶׂה בְּמַחֲשָׁבָה תְּחִלָּה', וְהֶחָכָם עֵינָיו בְּרֹאשׁוֹ.

(עפ"י טיב התורה – בלק)

## טיב הפרשה

# קרבני לחמי לאשי

## וואס דער קרבן דארף דערוועקן אין דעם מענטש

אין די וואכענדיגע פרשה לערנען מיר איבער די מצוה פון די קרבנות אז הקב"ה באפעלט פאר משה רבינו אז ער זאל אנזאגן אידישע קינדער אז זיי זאלן מקריב זיין קרבנות פאר אים.

דער לשון הפסוק הייבט זיך אן: צו את בני ישראל ואמרת אליהם את קרבני לחמי לאשי ריח ניחוחי תשמרו להקריב לי במועדי.

רש"י אויפ'ן ארט ברענגט אראפ א ספרי וועלכע באציט זיך אויף די אויבענדערמאנטע מימרא וואס הקב"ה האט געזאגט פאר משה אז ער זאל שטעלן א מנהיג פאר'ן כלל ישראל.

אין די ספרי שטייט אז הקב"ה האט געזאגט צו משה רבינו אז אין די זעלבע צייט וואס מען זאגט אָן פאר הקב"ה אז ער זאל שטעלן א מנהיג פאר זיינע קינדער, זאג אָן פאר כלל ישראל אז זיי זאלן מיר אויסהערן.

דערביי ברענגט די ספרי אראפ א משל צו א טאכטער פון א קעניג וואס האט געהאלטן ביים שטארבן. איידער זי האט זיך געשיידט פון די וועלט האט זי געלאזט רופן איר מאן און זיך געבעטן ביי אים אז ער זאל אכטונג געבן אויף אירע קינדער. ווען ער האט געהערט איר בקשה האט ער צוריקגעזאגט אז זי זאל אנזאגן אירע קינדער אז זיי זאלן זיך פירן מיט רעספעקט צו דעם טאטן.

ווען מען מאכט א חשבון אויף וואו דער ספרי גייט ארויף, זעט מען אז ער גייט ארויף אויף די פרשה פון קרבנות. דאס לערנט אונז אויס אז וואס הקב"ה בעט פון אונז איז די קרבנות, אז מיר זאלן אים צוריקגעבן מיט'ן געבן קרבנות פאר הקב"ה.

דער געדאנק איז אויך מדוייק אין די פסוקים. די קרבנות פון א איד ווערט אנגערופן 'קרבני לחמי לאשי' אז עס איז כביכול די ברויט פון הקב"ה, ווייל די קרבנות טראגן אַן עקסטערע ווערד ביי השי"ת, און ווען א איד שטעלט עס צו מאכט ער א שטארקע נחת רוח למעלה, דאגעגן ווען עס פעלט איז דא צער למעלה.

אויבנאויף זעט אויס ווי די בחינה איז נאר שייך אין די צייטן ווען דער בית המקדש איז געשטאנען אבער דער אמת איז אז אויך היינטיגע צייטן איז דער יסוד דא.

היינטיגע צייטן האבן מיר טאקע נישט קיין קרבנות, אבער מיר האבן יא די אמירה פון קרבנות און דאס איז במקום די הקרבה פון קרבנות ווי מען זאגט ביים דאווענען 'ונשלמה פרים שפתינו', און אז מען איז נזהר און מען איז עס מקיים איז מען מיט דעם זוכה צו ברענגען די נחת רוח וואס הקב"ה האט געהאט אין יענע צייטן.

אין די טעג קלאגט כלל ישראל אויף

>>> | המשך אין עמוד ב' |

טיב ההודעות

מען קען הערן שמועס'ן און דרשות
פון מורנו ורבנו שליט"א - אין א עקסטערע נומער
אידיש: 073-2951321 לשה"ק: 073-2951320

יו"ר הוועדה הרוחנית: ר' יעקב רבינוביץ | עורך: ש. גולדשטיין

דער בית המקדש. אגאנץ יאר איז מען זיך מתבונן אין די צער השכינה אז משיח איז נאכנישט דא, אבער אין די טעג לייגט מען צו מער קאפ און מער מח צו די זאך און איינס פון די נקודות דארף זיין ביי די תפילות, ביי די קרבנות, וואס מיר זאגן יעדן טאגביים דאווענען.

עס לאזט זיך זאגן אז אויב מען וואלט זיך מער צוגעפלייסט אין די נושא און געזאגט די קרבנות מיט מער כוונה און מיט מער הארץ, וואלט ער געקענט פועל'ן מער.

חז"ל זענען אונז מגלה אז יעדע דור וואס איז עס איז נישט געבויט געווארן דער בית המקדש אין איר, ווערט עס גערעכנט ווי עס איז חרוב געווארן אין איר, און דאס דארף אונז נאך מער דערוועקן.

אבער לײדער לעבט מען היינט אין א דור וואו די חשכות איז אזוי גרויס אז מען שפירט נישט וואס עס פעלט אונז, אז אפילו דער בענקען קומט אונז אן שווער.

דער יעב"ץ ברענגט אראפ אין זיין סידור פון ערב פסח אז א גוי באשרייבט דער סדר פון ערב פסח, ווי אזוי מען פלעגט מקריב זיין די קרבן פסח, ווי אזוי די עבודה איז צוגעגאנגען און פירט אויס אז נאך דעם וואס מען האט מער נישט דאס, קען ער נישט פארשטיין וואס האט מען פון לעבן אויף די וועלט.

דאס שרייבט א גוי וואס ער אליין האט נישט געקענט מקריב זיין די קרבן, ער האט נאר געקענט צוזען די עבודה, איז דאך כל שכן אז דער וואס האט אליין מקריב געווען איז זיכער אז זייער הרגשה איז געווען זייער שטארק.

נאר ווי געזאגט זענען די הערצער פארלאשן, און די איינציגסטע וועג ווי אזוי מען קען עס דערוועקן איז מיט התבוננות. אז א איד וועט זיך מתבונן זיין וועט ער קענען דערוועקן אין זיך די געפילן, די בענקעניש צו די יעניגע יארן, און קענען נתעורר ווערן צו בעטן אויף ביאת המשיח מיט אן אמת.

אין די טעג זאל מען זיך דערוועקן מער און מער. בשם דער אריה"ק ווערט געברענגט אז אין די טעג זאל מען זאגן תיקון חצות אויך בייטאג, און אזוי אויך זאלן עס זאגן די וואס זענען נישט געוואוינט צו זאגן דעם תיקון.

די טעג פון בין המצרים זענען אויך געהויבענע ימי תשובה און טעג וואס מען קען זיך זייער שטארק מקרב זיין צום בורא כל העולמים. אין די ספרים הק' ווערט געברענגט אז אויף די טעג ווערט געזאגט דער פסוק 'כל רודפיה השיגוה בין המצרים' אז ווען דער קעניג איז אין פאלאץ איז שווער אנצוקומען צו אים, אבער ווען ער איז אין גלות, אונטערוועגנס, איז גרינגער אנצוקומען צו אים, און אין די טעג גייט הקב"ה גלות און עס איז גרינגער תשובה צו טון און זיך אומצוקערן צו אים.

דער מהרש"א [בכורות דף ח' ע"ב] ברענגט אראפ אז די איין און צוואנציג טעג פון שבעה עשר בתמוז ביז תשעה באב זענען קעגן די טעג פון ראש השנה ביז הושענא רבא, און אז אזוי ווי זיי זענען ימי הרחמים והסליחות זענען אויך די טעג ימי סליחה וכפרה און מען קען זיך אין זיי דערנענטערן צו הקב"ה און צוריקקומען צו אים.

זאל הקב"ה געבן אז די טעג זאל ווערן איבערגעדרייט צו ימי ששון ושמחה, און מען זאל זוכה זיין אין זיי מקריב צו זיין די תמידים כסדרם במהרה בימינו אמן.

## טיב ההשגחה

### מעשיות אויף השגחה פרטית

געשריבן דורך לייענערס

# אז ער קען תשובה טון קען איך אויך!

פאר א לענגערע צייט האב איך זיך אפגעגעבן מיט א בחור וואס האט לײדער אראפגעגליטשט פון וועג, איך האב פרובירט אים צוריקצושלעפן צו אידישקייט, אבער אן קיין ערפאלג.

דער בחור איז געווען צוגעבינדן צו אלע מיני כלים, און אויך ווען ער האט זיך געשטארקט האט די התחזקות אנגעהאלטן עטליכע טעג און שפעטער איז ער גלייך צוריקגעפאלן.

איך האב זיך געהאלטן נאנט מיט אים, איך האב אים מקרב געווען, ער פלעגט קומען, ער פלעגט זיך צושטעלן דא און דארט, אבער זיין הארץ איז געווען פארקנאקט.

איין טאג האט זיך געמאכט אז א נאנטער משפחה מיטגליד פון אויסלאנד האט געמאכט א שמחה אין מיין שטאט. זייענדיג נאנט באפריינדעט האב איך אראנדזשירט פאר אים א שבע ברכות. ביי די שבע ברכות האב איך גערופן מיינע באקאנטע, צווישן זיי איז אויך געווען דער בחור. אריינקומענדיג האט דער בחור געוואלט וויסן פון וועמען די שמחה איז היינט. איך האב אים דערציילט אז דער און דער איז דער חתן און די כלה איז...

עס איז געווען קענטליך אויף אים אז עפעס אין דער בחור'ס הארץ האט זיך גערירט. זעענדיג אז ער שטייט אזוי פארוואונדערט האב איך געוואלט וויסן וואס איז געשען?

"איך קען די פארפאלק. ווען איך בין געווען אין אויסלאנד האב איך געהאט מיט זיי פארבינדונג. ווען דו זאלסט וויסן ווי ווייט די כלה איז געווען פארפארן וואלסטו מיר פארשטאנען. איך האב אין לעבן נישט געגלייבט אז זי וואלט אמאל זיך געקענט צוריקכאפן".

דער בחור האט אויסגעפירט אז וואס ער זעט צו לערנט אים אויס אז פון יעדע מצב אין די וועלט קען מען זיך צוריקקערן.

עס האט אים באנומען, און ער האט באשלאסן אז ער גייט אפלאזן אלעס און זיך צוריקקערן צום ריכטיגן וועג.

איך בין געבליבן שטיין ערשטוינט. אסאך שעה'ן האב איך אריינגעלייגט אין אים, אבער איך האב נישט מצליח געווען. דא האט זיך פלוצלונג געמאכט איין מעשה און שוין האט עס אזא איינדרוק אויף אים.

[דערציילט דורך דער בעל המעשה: נ.כ.]




די פאראינטערעסירטע צו מיט טיילן מזכה זיין את הרבים מיט מעשיות פון השגחה פרטית זאל שיקן צו ר' שמחה סמואלס אין פקס: 15326517922

# עבודת ד' בשמחה

**תַּחַת אֲשֶׁר לֹא עָבַדְתָּ אֶת ה' אֱלֹקֶיךָ בְּשִׂמְחָה (א)**

שטייענדיג נאנט נעבן די טעג פון בֵּין הַמְּצָרִים, אויב מיר וועלן זיך מתבונן זיין אין די פסוקים פון די תּוֹכָחָה אין חומש דברים, וועלן מיר טרעפן פונקטליכע נבואות איבער אלעס וואס איז אנגעגרייט צו פאסירן ביי די צרות פונעם חורבן, די שווערע הונגער און די מלחמות, און צום סוף אויך איבערן גלות וואס אידישע קינדער וועלן זיין פארוואגלט צווישן די פעלקער.

אבער, נישט נאר די צרות און די שטראפן דערויף זענען ערקלערט געווארן אינעם פסוק, נאר אויך די סיבה און דאס וואס האט צוגעברענגט דעם גאנצן שרעקליכן חורבן און די אידישע צרות, איז אויך ערקלערט אינעם פסוק. און מיר זעען פון די פסוקים, אז פון אלע עבירות וואס שטייען אין די תורה, איז נישט דערמאנט געווארן דארט קיין שום עבירה וואס צוליב איר ווערן אידן באשטראפט, נאר בלויז דאס אז עס האט געפעלט די שמחה און דאס באוויליגונג אין עבודת השם יתברך!

אזוי ווי עס שטייט דארט אין פסוק (דברים כח, מז) "תַּחַת אֲשֶׁר לֹא עָבַדְתָּ אֶת ה' אֱלֹקֶיךָ בְּשִׂמְחָה וּבְטוּב לֵבָב מֵרֹב כֹּל". קומט אויס, אז דער עיקר סיבה וואס צוגעברענגט דעם גלות און דער חורבן, איז דערפאר וואס מען דינט דעם אויבערשטן אן שמחה, וואס דורכדעם איז איבערגעדרייט געווארן פאר זיי די ברכה צו קללה, און די שמחה צו טרויער, רחמנא ליצלן.

די טעג פון בֵּין הַמְּצָרִים, אין זייער שורש, זענען טעג פון גרויס שמחה, נאר עס איז בְּהֶסְתֵּר, און דעריבער ליינען מיר אינעם יעצטיגן שבת די פסוקים פון אלע ימים טובים פונעם יאר, אין צוגרייטונג צו אט די געהויבענע טעג. – נאר וויבאלד עס פעלט די שמחה פון אידישע קינדער אין עבודת השם, איז באהאלטן און פארטונקלט געווארן ביי זיי די שמחה פון אט די געהויבענע טעג, און עס איז איבערגעדרייט געווארן אויף טרויער.

אזוי ווי עס שטייט אינעם ספר הקדוש "אוהב ישראל" (אויף די פרשה פון די וואך) ווי פאלגנד: פארוואס ליינען מיר פרשת פנחס אום שבת פון בֵּין הַמְּצָרִים אין מערסטנס פון די יארן, וואס אלע עִקְּרִים פון די ימים טובים שטייען אין אט די פרשה, און אוודאי מוז מען זאגן אז דאס איז נישט אן קיין טעם. נאר מיט א ספעציעלע כוונה האבן חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה דאס געטון מיט זייער רוח הקודש, אז אט די איין און צוואנציג טעג צווישן שבעה עשר בתמוז ביז תשעה באב זענען דער מקור און שורש פאר אלע ימים טובים פונעם יאר, וואס אלע צוזאמען זענען זיי אויך איין און צוואנציג טעג. דאס הייסט – שבת און ראש חודש, די זיבן טעג פון פסח, דער יום טוב שבועות, די צוויי טעג פון ראש השנה, יום הכיפורים און די אכט טעג פון סוכות. און דער סימן דערצו איז 'אַ"ךְ טוֹב לְיִשְׂרָאֵל' (תהלים עג, א), און אט די איין און צוואנציג טעג פון בֵּין הַמְּצָרִים זענען דער מקור און שורש פאר זיי.

זאגט ווייטער דער הייליגער אוהב ישראל: און אט די איין און צוואנציג טעג זענען גאר גרויסע ימים טובים, אבער בעוונותינו הרבים זענען מיר נאכנישט ראוי צו זיי, און זייער גוטס איז באהאלטן אין זיי. און אם ירצה השם ווען מיר וועלן זוכה זיין במהרה בימינו צו טון תשובה און מעשים טובים צו אויסלייטערן דעם חומר... דעמאלטס וועלן אט די איין און צוואנציג טעג זיין גאר גרויסע און געוואלדיגע ימים טובים וואס זענען אוממעגליך אפצושאצן, און זיי זענען דער מקור און שורש פאר אלע איין און צוואנציג יום-טוב טעג וואס מיר מאכן בִּזְמַן הַזֶּה. – **און איבער זיי אלע וועט תִּשְׁעָה בְּאָב וועט זיין דער גרעסטער יום טוב.** דעריבער ליינען מיר פרשת פינחס, וואס אלע ימים טובים זענען געשריבן דערין, דווקא אין די טעג, וויבאלד פון זיי ציען זיך אלע ימים טובים, און דער וואס האט שכל וועט דאס אלעס פארשטיין. ביז אהער, פונעם הייליגן אפטער רב אין זיין הייליגן ספר "אוהב ישראל".

->•<-

איינער פון די נְקִיֵּי הַדַּעַת אין ירושלים עיר הקודש, וועלכער האט געדינט דעם אויבערשטן מיט זיין גאנצן זעל, פארמעגן און כח, איז געווען הרב החסיד המפורסם רבי זלמן בריזל זצ"ל, וועלכער איז געווען פון די עלטערע און חשוב'ע פינסק-קארלינער חסידים.

יעדן מאל וואס ער האט געמאכט די ברכה 'אשר יצר', האט ער עס געמאכט מיט גרויס שמחה און מיט התלהבות. ער פלעגט זאגן פאר זיינע ארומיגע: דער אויבערשטער האט מיר געגעבן די זכיה און איך בין א ריזיגער עושר! ווייל דאס איז דאך א וואונדערליכע זכיה, צו קענען זאגן פארן הייליגן באשעפער, די ברכה פון **אשר** יצר! און עס איז ביי מיר מער באליבט און טייער ווי אויב איך האב וואלט פארדינט **א מיליאן דאלער**!

אזוי אויך, איז פאסיג פאר יעדן איד זיך צו מתבונן זיין ביי יעדן מצוה וואס קומט אים אונטער, אז דאס איז ממש א געווינס פון א ריזיגן פארמעגן, **כְּמוֹצֵא שָׁלָל רָב**! און דערמיט וועט ער זוכה זיין צו דינען דעם אויבערשטן מיט אן אמת'ע און ריכטיגע שמחה, וויבאלד יעדע מצוה און יעדע ברכה וועט גערעכנט ווערן ביי אים ווי א מעכטיגע געווינס פון א ריזיגן פארמעגן פון גאלד, זילבער און בריליאנטן!

[הקדמה לספר "טיב השמחה"]

->•<-

מיין זיידע, הגאון הצדיק המקובל רבי גמליאל הכהן ראבינאוויטש זצ"ל, האט אין אנהייב געדינט אלס ראש ישיבה אין די שטאט קישינעוו און נאכן ארויפגיין קיין ארץ ישראל, האט ער זיך געוואוינט אין די הייליגע שטאט צפת ת"ו.

האט דערציילט א חשוב'ער איד מאנשי ירושלים, וועלכער איז אמאל געפארן קיין צפת אים צו באזוכן, אז ווען ער איז אנגעקומען צום הויז פון מיין הייליגער זיידע, האט ער זיך זייער געפריידט צום חשוב'ן גאסט וועלכער איז געקומען צו אים פון יְרוּשָׁלַיִם קַרְתָּא דְשׁוּפְרַיָּא, און האט אים געוואלט דערלאנגען 'כיבוד' ווי עס פאסט.

אבער צו זיין ווייטאג האט ער גארנישט געטראפן אין הויז! וויבאלד דאס ארעמקייט איז דעמאלטס געווען זייער שווער, און אפילו א שטיקל טרוקן ברויט אדער אביסל זיסווארג צו נעמען אין מויל, איז אויך נישט געווען צו טרעפן אין הויז.

האט זיך מיין הייליגער זיידע אפגעשטעלט און זיך פארטראכט – מיט וואס קען איך טראצדעם מכבד זיין דעם חשוב'ן גאסט? ביז ער איז אויפגעקומען מיט אן אריגינעלן געדאנק, ווייל כאטש דאס הויז איז אינגאנצן ליידיג, קען מען מכבד זיין דעם גאסט מיט א נייעם ניגון וואס ער וועט פארפאסן לִכְבוֹדוֹ, און אוודאי וועט דער גאסט הנאה האבן און שעפן גרויס פארגעניגן פון א שיינעם ניגון וואס איז צוזאמגעשטעלט געווארן באזונדער וועגן אים!

און מִמַּחְשָׁבָה לְמַעֲשֶׂה, איז ער אויפגעקומען אין זיין געדאנק מיט א הערליך שיינעם ניגון! א געזאנג וואס ער האט אליין געמאכט אויף די ווערטער וואס ער האט געמאכט איבער זיין מצב אין יענער צייט... וואס זייער אינהאלט לערנט איבערן פרייד פון א איד אויף דער וועלט, ווען ער איז זוכה זיך צו שיצן אינעם פארזיכערונג אין די הנהגה פונעם אויבערשטן מיט אים, ווען עס איז קלאר ביי אים אין הארץ אז אלעס וואס דער אויבערשטער טוט מיט אים איז פון זיין פולשטענדיגע גוטס. און אויף דעם זעלבסט דארף ער ווערן אנגעפילט מיט שמחה, אויך אין צייטן פון גשמיות'דיגע ארעמקייט, ווען ער עפנט אלע שאפעס אין זיין הויז, און ער געפינט דארט גארנישט! [די ווערטער פונעם ניגון מיטן ספעציעלן געזאנג, זנען באוואוסט פאר די בני המשפחה, און ווערן געזינגען דורך זיי ביזן היינטיגן טאג].

און דער איד האט צוגעלייגט, ווען ער האט מיר דערציילט די מעשה, אז נאכפאלגנדיג אט דעם ספעציעלן אויפנאמע אינעם הויז פון מיין זיידן אין צפת, זענען דורכגעגאנגען אויף אים אין לעבן גאר שווערע תקופות. אבער יעדן מאל ווען ער האט זיך דערמאנט פון דעם אויבנדערמאנטן 'שיר הבטחון' וואס דער צדיק האט צוזאמגעשטעלט לכבודו, האט ער געשעפט דערפון א געוואלדיגן חיזוק זיך צו שטארקן מיטן מדת הבטחון, און דורכגיין מיט גרויס שטארקייט איבער אלע כוואליעס און שוועריגקייטן פונעם לעבן, און זיך האלטן שטארק אין תורה ועבודה מיט גרויס פרייד אין יעדער צייט.

[שם]

->•<-

לאמיר אייך דערציילן א וואונדערליכן עובדא, וואס איך האב געהערט פון מיין מחותן, הרב הצדיק הישיש רבי וועלוול אייזנבאך זצ"ל מִפֹּה עִיר הַקֹּדֶשׁ תִּבָּנֶה וְתִכּוֹנֵן, וועלכע טראגט מיט זיך א געוואלדיגער מוסר לערנונג איבער דאס חשיבות פון דינען דעם אויבערשטן מִתּוֹךְ שִׂמְחָה.

און אזוי האט רבי וועלוול דערציילט:

צוריק מיט אסאך יארן זענען געווען צוויי גאר נאנטע חברים, וועלכע זענען צוזאמען דורכגעגאנגען א גרויסן טייל פון זייערע יונגע יארן. אלס יונגלעך, האבן זיי צוזאמען געלערנט ביי דעם זעלבן מלמד, און אויך אין זייערע בחור'ישע יארן האבן זיי צוזאמען געלערנט, און אפילו דערנאך אין זייערע יונגע און מיטעלע יארן האבן זיי

המשך אין עמוד ד' >|

צוזאמען געלערנט.

אבער מיט די צייט איז איינער פון זיי געווארן א גרויסער צדיק, און פארוואנדלט געווארן אין א באוואוסטער רבי פאר פילע חסידים, וועלכער איז געווען איינער פון די גרויסע תלמידים פונעם הייליגן בעל שם טוב, און פון די פירער פונעם דור. זיין נאמען איז באקאנט געווארן אלס עובד השם יתברך מיט מסירות נפש, און א פועל ישועות בקרב הארץ, צו וועמענס טיר עס זענען געקומען פילע אידן פון ווייט און ברייט, און געהאלפן געווארן ביי אים.

דער צווייטער חבר איז אויפגענומען אלס רב אין איינע פון די שטעט, און ער איז טאקע געווען א גרויסער רב און חשוב'ער תלמיד חכם, ער האט אבער נישט זוכה געווען צו די געוואלדיגע און געהויבענע מדריגות, צו וועלכע זיין חבר, דער הייליגער רבי און צדיק, האט זוכה געווען.

דער חבר וועלכער איז געווארן א רב, האט זיך זייער געוואונדערט דערויף, און האט געוואלט פארשטיין דער ערקלערונג דערצו, פארוואס האט ער נישט זוכה געווען אז אויך ער זאל ווערן אזוי דערהויבן אזוי ווי זיין חבר? זיי האבן דאך ביידע געלערנט צוזאמען ביי די זעלבע מלמדים, ביידע פון זיי האבן געהאט ענדליכע כשרונות, און ביידע האבן איינ געלערנט מיט געוואלדיגע התמדה. – וויאזוי איז מעגליך אז זיין חבר איז געווארן א גרויסער רבי, א בעל רוח הקודש און בעל מופת, אינדערצייט וואס ער האט נישט זוכה געווען דערצו...

אזוי האט דער רב געהאלטן אין איין טראכטן און זיך וואונדערן, ביי אים אין גדאנק.

ביז ער איז אויפגעקומען מיט א פלאן, וויאזוי צו קענען באטראכטן די הנהגה פונעם רבי'ן פון דער נאנט, וויבאלד ער האט זיך באשעפטיגט פאר זיין פרנסה מיטן האנדלען מיט בראנפן [אין יענע צייטן, האבן פילע רבנים זיך גדארפט באשעפטיגן אויך מיט האנדלען, אין פאל וואס זייער קהילה האט נישט געהאט דעם מעגליכקייט זיי אויסצוהאלטן געהעריג], האט ער זיך ארויסגעלאזט אין וועג צום שטאט פון זיין פריינט, דער רבי און צדיק, מיטן אויסרייד אז ער וועט זיך דארפן אויפהאלטן עטליכע טעג אין שטאט צוליב זיינע געשעפטן.

אזוי איז אים געלונגען צו מאכן א 'נסיעה' צום רבי'ן, כדי זיך צו שיצן אין זיין הייליגן שאטן, און מיטהאלטן פון דער נאנט זיין פירונג אין אלע ענינים, מעגליך וועט ער טרעפן דורכדעם דעם ענטשיידונג צו דעם וואונדער וואס פלאגט זיין גדאנק שוין אזוי לאנג.

אנקומענדיג אין שטאט, האט ער זיך גלייך געווענדן צום הויז פונעם רבי'ן, וועלנדיג זען אויב עס וועט מעגליך זיין זיך דארט אויפצוהאלטן און זיין דארט צוגאסט פאר עטליכע טעג בביתו נאוה קודש.

דער הייליגער רבי האט זיך זייער געפריידט צום חשוב'ן אורח וועלכער איז געווען זיין יוגנט פריינט, און האט אים אויפגענומען בְּסֵבֶר פָּנִים יָפוֹת און מיט גרויס כבוד. דער גאסט האט זיך געווענדן צום צדיק און ערקלערט זיין פארלאנג: דער רבי קען מיר דאך שוין פון יארן צוריק, ווען מיר האבן געלערנט צוזאמען אין אונזערע יונגע יארן, און יעצט בין איך דא אנגעקומען אין שטאט צוליב מיינע געשעפטן, דעריבער וויל איך אייך פרעגן, אויב עס איז מעגליך אז איך זאל דא זיין צוגאסט, אין הויז פון מיין יוגנט פריינט, פאר עטליכע טעג?

דער רבי האט מיט גרויס פרייד אנגענומען די געוואלדיגע מצוה פון הכנסת אורחים וואס איז אים אונטערגעקומען, און האט אריינגענומען זיין חבר ביי אים אינדערהיים בשמחה רבה. צום ערשט האט ער אים דערלאנגט א גוטן מאלצייט כדי צו זעטיגן זיין הונגער, און דערנאך האט ער צוגעגרייט זיין בעט פאר אים כדי ער זאל זיך קענען אפרוען פונעם לאנגן וועג.

ווען דער רב האט זיך אריינגעלייגט אין בעט זיך אפצורוען, האט ער בכלל נישט צוגעמאכט זיינע אויגן! ער האט נאר נאכגעקוקט דעם רבי'ן די גאנצע צייט, און וויבאלד עס איז געווען א קליינעם וואוינונג איז זיין בעט געווען גאנץ נאנט צום ארט פונעם צדיק, און אזוי האט ער געקענט נאנט מיטהאלטן אלע איינצלהייטן פון די הנהגות פונעם רבי'ן! דורכאויס זיין גאנצן באזוך אין שטאט, האט דער רב נאנט מיטגעהאלטן ווי דער צדיק דאוונט און לערנט און דינט דעם אויבערשטן.

ווען זיין באזוך האט זיך געענדיגט, איידער ער האט זיך צוריקגעקערט צו זיין הויז, האט ער פראבירט צוזאמצונעמען ביי זיך אין קאפ, אלעס וואס ער האט געזען ביים רבי'ן. אבער, נישט נאר וואס ער האט נישט געטראפן קיין ענטפער צו זיין פראגע, נאר די וואונדער איז געווארן נאך גרעסער אין זיינע אויגן. ער איז געזעצן און געטראכט ביי זיך: איך אליין פיר זיך דאך אויך פונקט אזוי ווי דער רבי, ער פראוועט תיקון חצות מיט געוויין זיצנדיג אויפן ערד, און אויך איך טו אזוי... דער רבי לערנט נאכן 'תיקון' א גאנצע נאכט, און אויך איך פיר זיך אזוי... מיין דאווענען איז אזוי ווי זיין דאווענען, מיין לערנען איז אזוי ווי זיין לערנען, און אויך מיין עסן איז אזוי ווי זיין עסן... עס איז אויסגעקומען אז אויך דער רבי איז נישט קיין מלאך, נאר ער איז א מענטש אזוי ווי אלע מענטשן... ער האט דא גארנישט געזען קיין שום אונטערשייד צווישן זיי.

אצינד איז די קשיא געווארן אסאך שטארקער, זעענדיג פון דער נאנט דעם געוואלדיגן כבוד און שעצונג וואס די חסידים האבן פארן רבי'ן, און זענען דבוק אין אים מיט א געוואלדיגן ביטול, אינדערצייט וואס ער אלס רב איז נישט זוכה צו אפילו א 'שמינית שבשמינית' פון אט דעם כבוד [אזוי ווי די וועלט זאגט וועגן כבוד בְּדֶרֶךְ צַחוּת: איין גְרַאם 'רבי' וועגט מער ווי הונדערט קִילָא 'רב'...]. – ער האט זיך געפלאגט און געטראכט און געטראכט, און נישט געקענט פארשטיין, וויאזוי האט דער רבי זוכה געווען צו אזעלכע געוואלדיגע און געהויבענע מדריגות, און ער איז געבליבן א פשוט'ער מענטש, נאר א רב... – און וויפיל ער האט געטראכט, האט ער נישט געפינען קיין ענטפער דערצו.

נישט געפינען קיין ענטשיידונג אויף זיין קשיא, האט ער באשלאסן, נישט האבנדיג קיין אנדער ברירה, פאַרצולייגן זיין קשיא פארן רבי'ן אליין! מיט שטרויכלנדע טריט איז ער צוגעגאנגען צום רבי'ן, און אים אנטפלעקט זיין גרויס וואונדער, און אים ערקלערט די קשיא וואס ער האלט שוין ביי זיך א א לאנגע צייט, און געפרעגט אויב דער רבי אליין וואלט אים מעגליך געקענט פארענטפערן זיין קשיא.

דער רבי האט אים געדולדיג אויסגעהערט, און דערנאך האט ער אים מיט חכמה געפרעגט: זאג נאר, מיין טייערער פריינט, געדענקסטו אפשר, ווען איז ביי דיר געווען די פרייליכסטער טאג אין דיין לעבן?

אוודאי געדענק איך, האט דער רב געענטפערט, דאס איז געווען איינס פון די בעסטע טעג פון מיין בראנפן האנדל, וויבאלד געווענדליך זענען דערביי נישט פארהאנען קיין גאר גרויסע פארדינסטן, אבער איינמאל האט פאסירט אז מען האט מיר פארגעשלאגן גאר א גרויס געשעפט, וועלנדיג מיר פארקויפן א גרויסן צאל פון מאגאזינען [מחסנים] אנגעפולט מיט פילע פעסער פון בראנפן, פאר א גוטן פרייז, און איך האב צוגעשטימט און עס אלעס אפגעקויפט. און דא, צו מיין גרויס פרייד, איז פונקט מיט א טאג שפעטער, האט דער שאץ מייסטער שטארק פילפאכיג אויפגעהויבן דעם פרייז פון די בראנפן, און אזוי בין איך ספאנטאניש פארוואנדלט געווארן אין גרויסער עושר! איך האב דעמאלטס געפילט דעם טעם פון גרויס שמחה אין הארץ – האט דער רב אויסגעפירט.

הערנדיג זיינע ווערטער, האט זיך דער רבי צוגעבויגן צו אים, און געזאגט מיט געפיל: יעצט איז שוין אלעס קלאר! וויסן זאלסטו מיין טייערער פריינט, אז ווען איך גיי צו צום הייליגן מצוה פון תפילין לייגן יעדן טאג, ווער איך אנגעפילט מיט א געוואלדיגע שמחה, פיל מער ווי דיין גשמיות'דיגע שִׂמְחַת הַמָּמוֹן וואס דו האסט געפילט אין יענעם טאג! און אזוי אויך ביי יעדע מצוה, תורה, תפילה אדער גמילות חסדים, וואס דער אויבערשטער געבט מיר די זכיה צו טון אויף דער וועלט, ווער איך אנגעפילט מיט א געוואלדיגע שמחה. מעגליך אז קוקנדיג אויף די אויסערליכע פעולות וואס מיר טוען איז נישטא קיין גרויסן אונטערשייד צווישן אונז, טוען מיר ביידע בערך די זעלבע מעשים... אבער אויב מיר ווען אריינקוקן אינעם אינערליכן אינהאלט פון די מעשים, איז דא זייער א גרויסן חילוק! און דעריבער זענען אויך די רעזולטאטן [תוצאות] אנדערש, וויבאלד דער עיקר השפעה פון די תורה און מצוות וואס מיר טוען, אויבן און אונטן, ווענדט זיך שטארק אין זייער פנימיות, ווייל אַחַר כַּוָּנַת הַלֵּב הֵן הֵן הַדְּבָרִים (ברכות טו:).

**און בעיקר ווענדט זיך עס אינעם חשק, אין די שמחה און רצון וואס דער מענטש האט אינדערצייט וואס ער איז עוסק אין די תורה און מצוות און אין עבודת השם יתברך!**

[שם]

מוקד הזמנות ספרים
של הגה"צ רבי גמליאל הכהן רבינוביץ שליט"א
קו ההזמנות של מכון טיב 0733-22-76-09
טלפון אחד והספר אצלך
ללא עלות דמי משלוח
מכון טיב

יו"ל ע"י קהילת שבתי בבית ד' | רח' ישעיהו 7 ירושלים טל: 078-3331109 05276-10455 | shivti11@gmail.com

יהודי יקר! אל תחזיק טובה לעצמך, הנך מוזמן להדפיס ולהפיץ את העלון באזור מגוריך ולהיות שותף לזיכוי הרבים. המעוניינים יקבלו את העלון במייל (אפשר גם ישירות לדפוס) בקובץ להדפסה.

Anyone Interested in receiving Tiv Hakehila weekly in Hebrew or English should Email - Sheldon@hpins.net Or | zeligk@gmail.com or text 718-249-7173